

שכונת ויואל משה
# קופקע
דיין לאקאלער צירקל
letters@svmkipka.com • 845.682.1282




שלומי קען בלייבן אין ישיבה.



יענקי קען בלייבן אין חדר.

פריימערי דאקטורים
פון 9:00
ביז 9:00
9 AM — 9 PM

Your Health, Close To Home - Nestwell primary Care Near Shechinas V'yoel Moshe

Nestwell
Family Health

745 RT 17M #103
MONROE NY 10950
845.782.4000
NESTWELLHEALTH.ORG

Primary Care
Acute Care
Specialty Care

Convenient primary care with late hours — Schedule your appointment today.

HOURS: SUNDAY 10AM - 8PM | MON.-THUR. 9AM - 9PM | FRIDAY 9AM - 5PM
TRANSPORTATION AVAILABLE

exotic • team

# שכן צו שכן

**לכבוד די רעדאקציע פונעם קופקע.**

מיר האבן זייער הנאה געהאט צו טרעפן ביי אונזער טיר אייער פרישער ערשינענער קופקע. מיר האפן עס וועט דינען איר ריכטיגער אויפגאבע פון העלפן די פרנסות צושטאנד אין אונזער געגענט. אויב מיר מעגן בעטן, אז ביי די קאלומס וואו איר בעט אז מען זאל ענטפערן אויף פראגעס אדער דעבאטעס, זאל אויך זיין די מעגליכקייט פון ענטפערן דורך א פאון קאלל און נישט נאר דורך אימעיל. מיר פארשטייען אז עס גרינגער ווען עס קומט אריין א רעדי אימעיל אפגעשריבן, אבער זייער אסאך איינוואוינער דא אינעם שכונה האבן נישט קיין צוטריט צו אימעיל.

א שיינעם דאנק אויב מעגליך.

אסאך הצלחה אין אייער ארבייט.

**רעדאקציע: מיר האבן באקומען פון פילע דעם זעלבן פארלאנג. ישר כח פאר אלע וואס האבן אריינגעשיקט קאמאנטארן, ווען אזוי קענען מיר טאקע אהערשטעלן אן ערליכן אויסגאבע פאר אונזער געגנט בסייעתא דשמיא.**

**מיר אנטשולדיגן זיך פאר'ן נישט ארויסשרייבן גענוג קלאר, אז אלע ענטפערס און קאמאנטארן קענען ווערן געענטפערט אויפ'ן טעלעפאון נומער פון די אויסגאבע, וואס ווערט ב"ה רעגעלמעסיג אויסגעהערט.**

**אי"ה האפן מיר צו אהערשטעלן א פארגעשריטנעם טעלעפאון סיסטעם מיט מער פיטשערס לטובת די איינוואוינער, אבער איר קענט שוין דארט לאזן מעסעדזשס און קאמאנטארן, וואס וועט ווערן פארענטפליכט און גענומען ווערן אין באטראכט אי"ה.**

ראשית כל א גרויסן ישר כח פאר די פרישע אויסגאבע דא ביי אונזער געגענט. איש את רעהו יעזורו איז א זאך וואס חכמינו ז"ל האבן שוין אויסגעלערנט, לאמיר האפן אז עס וועט נתקדש ווערן שם שמים. "על ידיכם" די חשוב'ע ארויסגעבער. "ועל ידינו" די חשוב'ע תושבי השכונה.

גענוי ווי עס וועט בעזר השם העלפן אין פרנסה, וועט עס אויך העלפן אין רוחניות. עס איז עפעס וואס איך האב שוין לאנג געוואלט מפרסם זיין דא אינעם געגנט ברבים, אבער נישט געהאט די מעגליכקייט דערצו.

כלפי במה דברים אמורים, מיר זוכן שוין לאנג צו ווער ןמען מען קען רעדן דא אין די שכונה צו מסדר זיין יעדן שבת קודש צופרי א סוף זמן תפילה מנין.

יעדע וואך שלעפן זיך היבשע תושבי השכונה אראפ צום גרויסן בית המדרש צו דאווענען מיט'ן ארטיגן לאנגיעריגער סוף זמן תפילה מנין. עס וואלט זייער כדאי געווען אויב א מזכה הרבים וואלט עס געקענט מסדר זיין דא אינעם געגענט. סיי צו פארשפארן די טירחה דציבורא און סיי עס וואלט זיכער געווען מער מענטשן וואס וואלטן געוואלט דאווענען אויך שבת פאר סוף זמן תפילה, אבער עס איז זיי שווער אראפצוגיין ביז'ן גרויסן.

כל המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו.

א גרויסן ישר כח ותזכו למצוות.

**לכבוד מערכת והעסקני הקופקע.**

מיט גרויס הנאה האבן מיר אויפגענומען




ads@svmkipka.com
845.682.1282
קופקע

# שכן צו שכן

און אריינגענומען ביי אונז אינדערהיים דעם געשמאקן קופקע. בסייעתא דשמיא גייט עס זיכער ארויסהעלפן אונזערע שכנים און איינוואוינער אין ביזנעס נעטווארקינג וואס וועט ברענגן א גרויסן תועלות לטובת הציבור. אין בית המדרש ביים קופקע אין קאווע שטיבל ביים שמועסן פונעם נייעם אויסגאבע, איז געווען איינע פון די פוינטס וואס מען האט גערעדט, אז מיר אליין האבן נישט געכאפט וויפיל שכונות איינוואוינער האבן סערוויסעס און ביזנעסעס וואס מען וואלט גערן גענוצט ווען מען ווייסט דערפון.

אזוי אויך אלץ שכינים אין אן אייגענער צירקל, דאס אליינס אז מיר שכינים גייען האבן ווי זיך צו אויסלופטערן געדאנקן, איז שוין א שטארקע בענעפיט.

איך האב געטראכט א געדאנק וואס אפשר וואלט עס כדאי געווען נאך שטערקער צו בויען די אייגענע עקענאמיע דא. אפשר וואלט כדאי געווען צוזאמצושטעלן אן אייגענער "שכונות ויואל משה ביזנעס עקספא" פאר ביזנעסערס פון אונזער שכונה, וואס וואלט געברענגט די בענעפיטן ווי די אלע עקספאוס ברענגן היינט, וואס העלפט די מארקעטינג זייער שטארק. עס זאל זיין פאר א גוטער פרייז איין נאכט פאר אפאר שעה, אזוי נעמט עס נישט אוועק פון קיין ארבייטס טאג. עס זאל זיין פון שכונות ויואל משה ביזנעסערס, פאר שכונות ויואל משה איינוואוינערס. וואס זאגט איר צו אזא געדאנק, וואס מיר האבן געוואלט אויסלופטערן.

חזקו ואמצו אין ענקערע הייליגע ארבייט.

**לכבוד די פרישע קופקע אינעם שכונה.**
זייער א שיינע געדאנק און ארבייט, השי"ת זאל העלפן אז אייער ארבייט זאל געפינען חן בעיני אלקים ואדם.

אונזער שכונה האט די פרישקייט פון א נייע געגנט, ווען ב"ה עס האלטן אין איין פארטיגן ווערן נאך דירות וואס ווערן אנגעפילט מיט פרישע נייע תושבים. אבער פאר א חלק פון די תושבים ווערט שוין דריי פיר יאר זינט מען האט זיך אריינגעצויגן דא אינעם שכונה. דערפאר איז כדאי צו דערמאנען אז עס איז שוין צייט צו באקוקן די מזוזות, ווי די הלכה פארלאנגט אז יעדע דריי און האלב יאר זאל מען בודק זיין די מזוזות, אויב עס איז נישט געווארן פסול אדער עפעס אנדערש.

אפשר וואלט כדאי געווען אפילו צו פארעפנטליכן דא אינעם קופקע סופרים סת"ם פון אונזער שכונה וואס טוען די סערוויס פון בודק זיין מזוזות ותפילין.

א גרויסן ישר כח.

שיקט אריין אייערע בריוון, מיינונגען, פידבעק, הערות, אדער עפנט סתם אזוי א "קופקע" דא אין שכונה און ברענג ארויף נושאים וואס איר שפירט ברויך אן עיון. לאזט א מעסעדזש אויף 845.682.1282 אדער שיקט צו letters@svmkipke.com


בסייעתא דשמיא
אייער חלום פון א שיינע קאך, גרינגערהייט!
האט אייער קאך נאכנישט קיין בעקספלעש?
ווילט איר דאבלען די שיינקייט פון אייער קאך?
ווילט איר מאכן אייער ארבעט אין קאך א געשמאק?
ווילט איר אפהיטן אייער וואנט פון שימלען?
מיר מאכן עס גרינג פאר אייך!
מיר ברענגען סעמפלס צו אייך אהיים, צו וועילן גרינגערהייט לויט אייער געשמאק.
מיר מאכן א שיינע פונקטליכע ארבעט, עס נעמט בלויז איין טאג.
איר באקומט אן אימזיסטע נאכטמאל, איר זאלט נישט דארפן קאכן יענע טאג.
פארלענגערט ביז שבועות
$1,850
אלץ א תושב שכונת
ויואל משה גיב איך פאר
אלע תושבי השכונה
$125 אראפ
ביז שבועות
א פרישע קאך לכבוד שבועות
NEW SERVICE: WE BRING THE TILES. YOU CHOOSE. INSTALLED TO PERFECTION.
TILE SELECTION MADE EASY.
FREE PIZZA ON THE DAY OF INSTALLATION
Just
$1,975
TILES INCLUDED
SKYTILE
SALES & INSTALLATIONS
Don't overthink it — Call now
באנייט אייער חלום קאך
דעם קומענדיגן שבת
באשטעלט שוין
845 200 2600
skytileny@gmail.com
אייער פריינט
תושב השכונה
Describe.biz

# א שאלה צום דיין

געפרעגט דורך תושבי השכונה,
**געענטפערט דורך רבי דוד גרינפעלד שליט"א,**
דומ"ץ ביהמ"ד ישראל שלום בשכונותינו

## שאלה

**מיט אזויפיל גוטע שכנים ארומגענומען קע"ה, קומט אויס צו בארגן און פארבארגן אמאל פון שכינים געוויסע עסן ווי אייער אדער צוקער. ווילן מיר פרעגן דעם דיין שליט"א, עס איז אונז אויסגעקומען צו בארגן פאר א שכן א גלעזלע מילך. א טאג שפעטער האבן זיי אונז צוריקגעשיקט א גלעזעלע מילך. מיר האבן אבער נישט פונטקליך געמאסטן גענוי וויפיל מיר האבן געגעבן און צוריקבאקומען. איז עס א פראבלעם פון ריבית?**

## תשובה

מען טאר נישט באצאלן מער וויפיל מען האט געבארגט צו פארגיטיגן אדער ארויסצווייזן די הכרת הטוב, ווייל דאס איז די איסור פון ריבית.
אבער אויב באצאלט מען ברייט, כדי ארויסצוגיין פונעם ספק, צו זיין זיכער אז מ'האט באצאלט די גאנצע וואס מען האט געבארגט, איז יא מותר.

## קופקע

ארייננצושיקן שאלות לאזט א מעסעדזש
אויף 845.682.1282 אדער שיקט צו
letters@svmkipke.com





ads@svmkipka.com
845.682.1282
קופקע

# ער פרעגט

ענטפערס




**ענטפער 1:** בכלליות איז עס א זייער גוטע זאך צו האבן נומערן אויף די פארקינג ספאטס, ווען יעדער ווייסט וואו ער דארף פארקן בקביעות. פונקט ווי מען האט א זיץ אין בית המדרש. אבער דאס איז נאר אויב עס זענען לכתחילה דא גענוג פארקינג פלעצער פאר יעדן, און נישט אז עס איז א מצב פון "כל הקודם זכה". עס דארף זיין גענוג פאר יעדן, כדי מענטשן זאלן נישט דארפן בלייבן אן קיין פארקינג. דערפאר, דא ביי אונז אין די שכונה וואו עס זענען דא מער דירות ווי פארקינג ספאטס, האלט איך אז מען זאל עס נישט לייגן.

**ענטפער 2:** מיין קלארע ענטפער איז ניין. אין א אידישע שכונה - בפרט אזא ווי אונזערע, מיט אזעלכע גרויסע בנינים און אזויפיל איינוואוינער - פאסט דירעקט נישט צו האבן פארקינג ספאטס מיט נומערן.

איך וועל עס שרייבן איידל: מיר אידישע קינדער מיט ווארימע אידישע הערצער זענען מחויב מיט די מצוה פון הכנסת אורחים, וואס מיינט סיי עסן און שלאפן, סיי היטשעס מיט די קארס, און אזוי אויך מיט די פארקינג ספאטס. דאס לייגן נומערן באגרעניצט דאס זייער שטארק, און איך פיל אז עס איז נישט קיין אידישע מדה.

מענטשן קומען און ווילן אראפלייגן זאכן, ברענגען ארדערס, אדער דעליווערן פעקלעך; מיינע עלטערן קומען צו מיר אויף מלווה מלכה, אדער מיין ברודער אויף א שבת. אזוי אויך מאכט מען ב"ה וואכנאכטס און שמחות אינדערהיים. אויב עס זענען דא נומערן אויף די פארקינגס, וואו זאלן זיי פארקירן די קארס? מען האט דאך נישט וואו צו פארקן! ביי די גארבידזש הייזער און פאסט קעסטלעך טאר מען נישט פארקירן, און אזוי קומט אויס אז עס זענען דא ליידיגע פארקינג ספאטס, אבער מען דארף פארקירן גאר ווייט.

אזוי אויך, וויבאלד עס זענען נישט דא קיין איבעריגע פארקינג ספאטס פאר פרעמדע, פארקירט מען סיי ווי דארט וואו עס זענען דא נומערן. אזוי אז ווען דער שכן קומט אן, דארף ער יעצט ווארטן אדער זוכן וואו צו פארקירן זיין קאר, ווייל זיין ספאט איז פארנומען און ער וויל נישט פארקן אויף א צווייטנס ספאט.

דער סך הכל איז: מיר האבן געקויפט אדער געדינגען דירות אין א פלאץ וואו עס וואוינען אסאך אידן, און דאס דארף קומען מיט אביסל אהבת ישראל. לויט מיין ארימער מיינונג, האבן די פארקינג נומערן בכלל נישט קיין פלאץ אין אזא סארט געגנט וואו מיר וואוינען.




FAST, RELIABLE DELIVERY EVERY DAY UNTIL CLOSING

שמואל יוסף זאלדאן

**Blooming Grove** pharmacy

Formerly **RegionRX**

HAVE YOUR DOCTOR SEND IN YOUR PRESCRIPTION. WE'LL HANDLE THE REST.

Call/Text / WA **845.775.4175**

**Fax:** 845.775.4185
1200 Rt 208
Monroe, NY 10950

**Store hours:**
Sun - Thurs. 9 AM - 9 PM
Friday 9 AM - zman

ads@svmkipka.com
845.682.1282

# זי פרעגט ענטפערס



**שאלה פון פאריגע וואך: וועלכע נאכטמאל איז דאס בעסטע פאר אייערע קינדער, וואס זיי גלייכן דאס מערסטע און עסן עס אויף גרינגערהייט?**

**ענטפער 1:** אויף די שאלה וואס איז די בעסטע נאכטמאל, איז דער ענטפער פארשידנארטיג... פאר די קינדער איז דאס בעסטע "דזשאנק פוד"... בשעת פאר די מאמע איז עס אמאל אויך די גרינגסטע, ווייל עס נעמט נישט קיין סך צייט צו אנגרייטן.

אבער פראקטיש גערעדט, איז די בעסטע נאכטמאל עפעס וואס מאכט די קינדער זאט, עס איז געזונט, און עס נעמט גרינג אנצוגרייטן.

מיר וועלן מיטיילן וואס מיר טוען ווען מיר דארפן ארויסגיין ערלעדיגן שאפינג אדער אפוינטמענטס און עס איז נישט דא צופיל צייט צו קאכן, ספעציעל ווען מען גרייט זיך אויף שמחות און מען איז פארנומען מיט אנדערע זאכן. מען נעמט די קראקפאט און מען קאכט אזא סארט נאכטמאל פון פלייש און קארטאפל, פונקט ווי מען קאכט א טשולענט פסח. עס קאכט זיך בערך פאר פינף-זעקס שעה, עס צוגייט אין מויל און עס איז זייער געשמאק פאר די קינדער. מען קען לייגן סיי בהמה פלייש און סיי הינדל (טשיקן). מען קען אויך ארייןווארפן א גלעזל רייז, אזוי איז דא א ברייטערער מעניו.

א גוטער טיפ וואס מיר ניצן, איז צו שניידן די קארטאפל רינדיכיג - אזוי ווי "פעטעיטע טשיפס" סלייסעס - וואס דאס מאכט עס פיל מער געשמאק פאר די קינדער. פאר מער ברייטע, די לעצטע שעה פונעם קאכן לייגן מיר צו פארפרוירענע וועדזשטעבלס, ווי בראקאלי אדער קאליפלעווער; עס זאפט איין דעם טעם פון די פלייש, ביז עס צוגייט ממש אין מויל. אזוי האבן מיר סטארדש, פראטין און וועטשטעיבלס.

**ענטפער 2:** א דאנק פאר די נייער העליכער אויסגאבע. מיר ווילן ענטפערן אויף די זי פרעגט איבער נאכטמאל. אז א גוטער און גרינגער נאכטמאל וואס מיר מאכן ווען מיר האבן נישט קיין צייט צוגרייטן און די קינדער גלייכן עס זייער ב"ה. מיר קויפן "קאלד קאטס" ווי למשל פאסטראמי, סאלאמי, טורקי ראל, מיט א פעקל פיטא ברויט. מיר שניידן די פיטא אין העלפט און שמירן עס אן לויט דעם קינד'ס איסוואל פון מייאנעז, מאסטערד אדער קעטשאפ. מיר לייגן אריין 4-5 סלייסעס "קאלד קאטס" א סלייס אדער צוויי טאמעיטא און זויערע פיקל, אזוי אז עס האט אלע קאלירן, עס איז גאר געשמאק צום עסן און גאר גרינג צוצוגרייטן.

איינס פון מיינע קינדער, אנשטאט די טאמעיטא און פיקל, גלייכט ער זייער שטארק ארייננצולייגן רויטע פאפריקע און האט פעפער... זיי זענען זיך ממש מחי' דערמיט!


אייער פריינט
מרת פריעדמאן
תושב השכונה
Cuts.
Styles.
Blows.
KallahServices.
5 Maglenitz
Learn the skills.
Build confidence.
Start earning.
Join our professional, one - to - one, hairstyling and haircutting course.
- Now accepting for the summer.
Contact: H. Friedman (Jakobowitz)
845 - 540 - 8712


Playgroup with Vouchers on Beer Sheva Now accepts Childcare Tax Credits Paid By your Employer
אייער פריינט
משפחת שעהר
תושב השכונה
> SMALL GROUP
> NEWLY RENOVATED
> HIGH CLEANLINESS STANDARDS
> 1 TEACHER PER 6 KIDS
Call
845.641.7381
& L.M.

# אינטערוויו

אינטערוויו מיט ביזנעס
אייגנטומער פונעם געגנט

## ר' יוסף פנחס פאללאק
## "קאר סעיוו" קאר סערוויס

carsafe

**שלום עליכם ר' יוסף פנחס, ווען האט איר געעפענט אייער פירמע און וואס האט אייך צוגעברענגט דאס צו עפענען?**

קודם א גרויסן ישר כח פאר אייער נייער געשמאקער פלאטפארמע, עס איז זייער א גוטער אייִדיע און וויכטיגער געציַיג, זיך צו קענען אויסשמועסן צווישן אונזערע וואוילע שכנים.

מיר האבן געעפענט "קאר סעיוו" בסייעתא דשמיא בערך דריי יאר צוריק. דער געדאנק איז אריינגעקומען זעענדיג דעם איבערפלוס פון גוי'שע קאר סערוויסעס אין קרית יואל, ווען כמעט יעדע צווייטע קאר אויפ'ן ראוד איז א גוי'שע קאר סערוויס. עס איז אויסגעקומען צו ליינען פון צייט צו צייט די ווארענונגען נישט צו נוצן קיין גוי'שע קאר סערוויסעס צוליב די פראבלעימען וואס פאסירן און קענען פאסירן דורך די נידריגע עלעמענטן.

אבער דאך זעענדיג אז אזויפיל מענטשן נוצן זיי טאג טעגליך אויף אזא מאסיווע פארנעם, פלעג איך זיך וואונדערן, ווי אזוי עס קען טאקע זיין אז דער עולם נוצט זיי אזוי אינגרויסן.

וואס עס האט מיר נאך מער געגבערט און געוואונדערט, אז עס איז דאך דא זייער גוטע היימישע אידישע קאר סערוויסעס, עס איז דא דער מצוה פון וחי אחיך עמך, פארוואס נוצט נישט דער עולם בלויז די אידישע קאר סערוויסעס?.

**זייער גערעכטע פונקטן. פונעם זיך וואונדערן ביזן טון למעשה וואס איז געווען?**

פראגעס האבן מיר געהאט אסאך, אבער ענטפערס נישט... האבן מיר אנגעהויבן צו אריינקלערן דערין טיפער, ווען ביים טראכטן צו ארויסגיין פון כולל צו גיין שפייזן מיין משפחה, האב איך געזוכט אן ארבייט. ווען מיר האבן זיך אריינגעלייגט צו פארשטיין די קאר סערוויס ביזנעס דא אין קרית יואל און עס איז ארויסגעקומען זייער קלארע מסקנות.

נומער איינס - און דאס איז די וויכטיגסטע - אז קע"ה קרית יואל איז א געבענטשטע שטאט מיט טויזנטער איינוואוינער, ווען מינומים האלב דערפון דרייוון נישט! דאס זענען די חשוב'ע נשים צדקניות. אזוי אויך ביי די מענער איז דא א גרויסע פראצענט וואס דרייוון אויך נישט. דערנאך איז דא די טויזנטער קינדער, בחורים, מיידלעך וואס דרייוון נישט. אזוי אז דער געברויך פאר קאר סערוויס איז דא אין קרית יואל גאר גאר הויך.

**אבער עס איז דאך שוין דא אידישע קאר סערוויסעס פירמעס מיט היימישע דרייווערס?**

נאכ'ן שטודירן ווייטער די דאטע, האבן מיר געזען אז די אידישע קאר סערוויסעס האבן א שטארקע מאנגל אין אידישע דרייווערס, וואס זענען גרייט צו טון די ארבייט פון קאר סערוויס דרייווערס היינט צוטאגס. אפילו פאר די וואס האבן ליב צו דרייוון פאר פרנסה, לאזן זיי איבער די לאקאלע קאר סערוויס דרייוון, ווען זיי גייען דרייוון א באס אדער לאנג דיסטענס טריפס, מיט ווייניגער שעות ווי לאקאל, וואס מען פארדינט מער געלט.

אפילו מיט די היימישע דרייווערס וואס ◄





# עט סופר

אייערע פריינט
תושבי השכונה

ספר תורה | תפילין | מזוזות | מגילות | בדיקות

11 Beer Sheva St. #007

מאיר מאלה
סופר סת"ם
845-907-3852

דוד יואל קויפמאן
סופר סת"ם
845-238-9094

זענען שוין יא דא צו דרייוון לאקאלע קאר סערוויס טריפס, אבער טאקע צוליב די איבערפלוס פון טריפס, איז ממש נישט מעגליך אפילו פאר די אידישע קאר סערוויסעס נאכצוקומען דעם גרויסן פארלאנג.

דערנאך האבן מיר איינגעזען נאך א וויכטיגער פונקט. מיר האבן געזען אז אין די מערסטע פארנומענע צייטן פון קאר סערוויס טריפס, ווי ערב שבת וימים טובים, מוצאי שבתים, ביינאכט ביז די צופרי שעות, זענען די אידישע קאר סערוויס דרייווערס בכלל נישט אין דינסט, ווען זיי דארפן זיין אינדערהיים מיט די משפחה און זענען פארמאכט.

נאך א וויכטיגער זאך וואס מיר האבן געהערט פון אסאך, אז טאקע צוליב די איבערפלוס פון מוזן נוצן קאר סערוויסעס, איז דאס געווארן א שיינער פראצענט פון זייער בודשעט, ווען די גוי'שע בעטן היבש ביליגער, ווען זיי דארפן נישט האבן די הוצאות וואס אן אידישע פאמיליע ברויך צו האבן.

האבן מיר איינגעזען אז מיט'ן בעסטן ווילן פון תושבי קרית יואל צו וועלן נוצן אידישע קאר סערוויסעס, איז עס ממש אוממעגליך נישט צו נוצן קיין גוי'שע קאר סערוויס, וואס טאקע צוליב די גרויסע פארלאנג האבן זיי זיך פארמערט מער און מער דא אין שטעטל, אבער אן קיין אחריות און אויפזיכט.

**די לעצטע פאר יאר האט דאך די ווילעדזש אהערגעשטעלט א מאסיוון פובליק טראנספראטאציע סיסטעם מיט א שטארקן סוקסעס. האט דאס נישט אוועקגענומען די בענעפיטן פון זיך לוינען צו עפענען א פרישע קאר סערוויס פירמע?**

פארקערט, דאס האט גאר אונז באוויזן אן אינטערסאנטער פאקט וואס מיר האבן באמערקט. טאקע ווי באלד אז עס איז אריינגעקומען די ווילעדזש באסעס אזוי שטארק אין באנוץ די לעצטע פאר יאר, מיט עפעס אן אויסטערלישן סוקסעס ב"ה. האט אונז געוויזן וואס פארא וויכטיגער ארט טראנספראטאציע פארנעמט דא אינעם שטעטל. ווען די ווילעדזש האט צוגעלייגט נאך און נאך רוטס, אסאך באסעס, ווען עס ווערט נאר מער און שטערקער באנוצט. וואס דאס מיינט אז אויב פאבליק טראנספראטאציע האט אזוי שטארק אויסגעפעלט, איז דאך זיכער דא א גרויסער פארלאנג פאר פרייוואט קאר סערוויסעס אויך. זייער אסאך מאל איז דאך די פאבליק טראנספראטאציע נישט קיין אפציע.

האבענדיג די אלע פאקטארן אין געדאנק, האבן מיר געזען דא א גוטער געלעגנהייט פון אריינקומען מיט אן אידישע קאר סערוויס פירמע וואס די דרייווערס וועלן זיין גוים, אבער הינטער אידישע בעלי בתים, אזוי אז עס פאלט אוועק אסאך פון די חסרונות וואס עס האט געפלאגט די קאר סערוויס אינדעסטריע ביז דאן.

**אבער ווי אזוי האט איר געלעזט די פראבלעמען פון די נידעריגע דרייווערס?**

דאס איז געווען פון אונזערע שטערקסטע זאכן וואס מיר האבן מחדש געווען דא אין קרית יואל, אז מיר האבן געלייגט קעמערעס אין יעדע קאר וואס האט געוואלט זיך אנשליסן אין "קאר סעיוו". אזוי אז מען האט א קאנטראל אויף יעדע קאר בשעת ער ווערט געדיספעטשט צו קאללס.

מיר באקומען א נאוטיפיקאציע אויב א קעמערע ווערט אויסגעלאשן, דאן באקומט דער דרייווער גלייך א מעסעדזש אז עס ארבייט נישט און ער באקומט נישט קיין טריפס ביז ווי לאנג עס איז נישט פאראכטן.

אזוי אויך זענען מיר געזיצן אויף זיצונגען מיט ר' משה לייב וויטריאל פון "פאבליק סעפטי" און מיט ר' הלל טייטלבוים און ר' דוד עקשטיין פון "וועד הצניעות" וואס האבן שטרענג פארלאנגט זיכערהייט מאסנאמען איינצופירן. זיי זענען געשטאנען אויף אונז וואס מען זאל אלץ איינפירן אין "קאר סעיוו" צו באשיצן אונזערע קאסטומערס, צו וואס מיר שטעלן זיך צו הונדערט פראצענט ב"ה. זיי רופן אונז אויב זיי דארפן אונזער הילף ווען

זיי באקומען אונזער פולסטן קאפאראציע. זיי האבן צוטריט צו אונזערע אלע קעמערעס ווען זיי ברויכן דאס.

ב"ה אז מיר קענען זאגן מיט א זיכערע צופרידנהייט: זינט עס איז דא דער סיסטעם, איז כמעט נישט דא די פראבלעמען וואס עס פלעגט פלאגן די אינדעסטריע, ווען די צופרידענע קאסטומערס וואס נוצן אונז טאג טעגליך - ווי יעדער קען זעען די פילע קארס צירקלן אין שטאט - זענען אונזער בעסטע ענטפערס אז מיר האבן פארפילט א שטארקן לאך דא אין שטאט.

**וואלט איר געזאגט אז מען קען שיקן קינדער אליין מיט די קאר סערוויס?**

בכלליות איז אייביג ראטזאם נישט צו שיקן קיין קינדער אליין נאר מיט אן ערוואקסענער. א קינד שיקט מען קיינמאל אין ערגעץ אליין, פינטל... אבער ב"ה מיר קענען זאגן מיט א זיכערקייט: אז זינט "קאר סעיוו" איז ערשינען אין קרית יואל, זענען די גוי'שע קאר סערוויסעס געווארן פיל א באקוועמערע וועג צו נוצן ווי עס פלעגט זיין. ווען מיר באקומען נאר א קאמפלעין אדער קאמאנטאר אויף א דרייווער, האבן מיר די קעמרעס צו זעען יעדע עפיזאד. אויב עס שטעלט זיך עס ארויס ריכטיג, אפילו נאר דאס מינדעסטע חשד, איז דא ביי אונז א "זערא טאלארנץ" פאליסי, ווען דער דרייווער ווערט תיכף ומיד אפגעזאגט.

אונזערע דרייווערס ציטערן פון באקומען א פינק סליפ. אזוי, אז זיי שטעלן זיך אהער צום צופרידנהייט פון אוזנערע קאסטומערס.

**יעדער האט חלומות פון ביזנעס איידיעס, ווען פאר'ן עפענען שיינט עס, אבער נאכ'ן עפענען זעעט מען איין אז עס געווען א שיינער חלום, איידל גערעדט... וואס איז געווען אייער סורפרייזעס נאכ'ן עפענען?**

ביסט גערעכט אז עס איז געווען סורפרייזעס, ווי ביי יעדע ביזנעס מאכט זיך שוועריקייטן וואס מען האט נישט געטראכט, מען האט ב"ה עס דורכגעמאכט. אבער פון די אנדערע זייט איז געווען פאזיטיווע סורפרייזעס אויך, וואס האט געוויזן ווי שטארק דער עולם דארף אזא סערוויס, ווען מיר האבן געזען אז מיט אלע חשבונות איז דאס וויכטיגסטע "קאסטומער סערוויס" געוני ווי אין יעדע ביזנעס. אין די קאר סערוויס ביזנעס איז דא אסאך חלקים אין קאסטומער סערוויס, צ.ב.ש. פרייזן, זויבערע קארס, רוהיגע דרייווערס וכדומה. אבער די נומער איינס וואס קאסטומערס דארפן, איז א קאר ביים טיר ווי שנעלער. ווען מען מאכט אפ אז מען וויל ערגעץ פארן מיט א קאר, זאל מען עס האבן די שנעלסטע מעגליך, וואס איז געווען אמאל א זעלטענהייט אין קרית יואל.

מיר האבן זיך שטארק אריינגעלייגט אין די סיסטעמען פון דיספעטשן און פלאצירן די קארס. אז מיר האבן געמאכט א קאמפאני פאליסי, צו פראבירן אז אונזער ציל דארף זיין, אז א קאסטומער באקומט א קאר ביים טיר די מאקסמיום "פיר מינוט" אדער וויניגער, פון ווען מען האט אריינגערופן באשטעלן א קאר. רוב צייטן האבן מיר דאס געקענט אויספירן ב"ה, וואס דאס האט געמאכט אז צופרידענע קאסטומערס ווייסן אז אויב דארף מען "שוין" א קאר און מען וויל נישט ווארטן, איז "קאר סעיוו" דער ענטפער.

דאס אז מיר קענען מחי' זיין די טויזענטער תושבי קרית יואל מיט א קאר סערוויס וואס קומט אן גאר שנעל אונטער "פיר מינוט" רוב צייטן פון טאג ב"ה, איז פאר אונז א זכי' און א שטארקע דורכברוך ב"ה.

**צום שלוס, אלץ א תושב שכונות ויואל משה, וואס קענט איר צולייגן?**

גוט אז דו פרעגסט, הנותן מתנה לחבירו צריך להודיע. פאר די תושבי השכונה וואס ווייסן נישט, מיר זענען די איינציגסטע קאר סערוויס אין קרית יואל וואס רעכנט שכונות ויואל משה ווי א חלק פון שטעטל, און די פרייז איז נאך 6 דאלער א לאקאל. עפעס וואס די חשוב'ע תושבי השכונה זענען זייער מכיר טובה.

**א גרויסן ישר כח ר' יוסף פנחס, איז זאלט האבן אסאך הצלחה אין אייער ארבייט.**

# Have your feet reskin

## They will feel amazing, like walking on a cloud of cotton.

**Relaxkin - Toe-tally Foot Care Spa** offers a unique blend of podiatry services and foot spa treatments. We specialize in providing rejuvenating foot care treatments that offer soothing and revitalizing experiences. Immerse yourself in an hour of relaxation and comprehensive foot massages care. Our exquisite services cater to all your foot care needs, ensuring an unparalleled sensory experience that leaves you and your feet feeling as if you are walking on a cloud of softness.

## What We Do:

- Hard Skin Removal
- Ingrown Toenail
- Diabetes Foot Care
- Corns & Calluses
- Fungus Care

**including:** Foot Soak, Foot Scrub, Foot Mask, FootMassage.

**NOW AVAILABLE NIGHT APPOINTMENTS!**

brainstormstudiony@gmail.com

אייער פריינט
מרת סאמעט
תושב השכונה

MEDICALLY CERTIFIED & LICENSED

★★★★★
Service & Expertise



# Relaxkin

TOE-TALLY FOOT CARE SPA

Pedicurist - Ch. Samet
SVM
845.395.4663

We sell all foot care products.

אייער פריינט
יוסף פנחס פאללאק
תושב השכונה

# ווען ווארטן 4 מינוט איז זייער לאאאאנג

קאלל א קארסעיף

carsafe

845.512.5555

MGM HelloMGM.com

*Safety in every turn*




LOCAL AND LONG DISTANCE

CALL OR TEXT 24 HRS A DAY

קרית יואל פארט מיט קארסעיף



בס"ד

CASH for GOLD, SILVER, & JEWELRY

מיר קומען אראפ צו אייך

Call/Text Motty Danziger 845.554.4248

# קלאסיפיידס

**שילוח הקן:**
מיר נעמען צו פרעימען "אייער".
פרי פיקאפ שכונות ויואל משה.
929-283-0422

Austra suite SVM:
וואלק אין, הערליך אויסגערישט,
טאג שבת, וואך
914-471-1572

אויב ווייסט איר פון א מהלך וויאזוי
מ'קען מאכן א פאדער שטוב מיט א
טיר ביי די 6.5 רום סטיל דירה דא אין
שכונה, ביטע רופן 845-537-7036
א גרויסן ישר כח

Now accepting basic
alterations well priced
845-637-9797

Effective Laser hair removal
Painless electrolysis
HR natural teething whitening 1
Call for our promotions
Fingertips with a gentle touch

## דיין קלאסיפייד דא!

ads@svmkipka.com
845.682.1282

## VOICE LESSONS
בויט אייער שטימע שטארק און לייכט,
גאר שנעלע רעזולטאטן בס"ד
רופט 347-551-3157
אברהם הלוי וויינשטיין
תושב שכונות ויואל משה

אייער פריינט
תושב השכונה

# WILLOW

BIRTH CARE

*Doula Care*

A BEAUTIFUL BABY GIFT
WITH EVERY CLIENT

ACCEPTING ALL MAJOR
INSURANCES SOON

845-324-3668

Faigy Deutsch
portrait photographer

347-587-0839
visit Faigydeutsch.com



אייער פריינט
מרת דויטש
תושב השכונה

# SALE



25% off

Sale Ends May 14

CHOOSE FROM OVER 50,000 LIGHTING OPTIONS

**Exclusive Offer for shchinos VaYoel Moshe Residents**
Receive a complimentary gift with any home lighting purchase during our sale period.

**A full range of modern lighting — selected with you, in your space.**

**WE COME TO YOU**
845.394.5885
sales@breezelightingusa.com

BREEZE LIGHTING

SimpleByDesign.co